גליון ב | ל"ג בעומר תשפ"ו

בס"ד

# להחיות

להרוות צמאון נפשות ישראל מנהר היוצא מעדן נחל נובע מקור חכמה

אור תורת רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

אידיש

## והחיה נרדמים

לעבהאפט טראפנס פונעם קוואל פונעם הייליגן ר' נתן

# פארמיטן די טראגעדיע

די היסטארישע קוויטש וועלכע האט דורכגעשניטן די לופט האט איבערגעלאזט די אינגעלייט ביים קופקע געפלעפט און צוגענאגלט צו זייערע ערטער...

זיי זענען געשטאנען א גרופע אינגעלייט און געמיטליך געשמועסט, פארשידענע נושאים ווערן ארויפגעברענגט און אפגעווארפן, אלטע און פרישע נייעס ווערן איבערגעקייט, ווען אינצווישן ווערן שאכטלעך ציגערעטלעך אויסגעברענט און גלעזלעך קאווע אויסגעליידיגט. דער שמועס האט זיך געצויגן מיט די העכסטע מאס לופטיגקייט און רואיגקייט.

פלוצלינג איז אבער די אויסנאמליכע רואיגקייט איבערגעריסן געווארן, א היסטערישער קוויטש האט זיך געהערט אין די לופט... די אויגן האבן זיך אינסטעקטיוו געווענדן צו יענעם ריכטונג... און א בלוט פארפרירנדע סצענע האט זיך אנטפלעקט פאר זיי...

עס איז געווען פונעם הויכן בנין קעגן איבער... פונעם זעקסטן שטאק... ביים אפענעם פענסטער... א קליין קינד... ער האלט זיך צו מיט די לעצטע כוחות... און אט דאס שרעקליכסטע הייבט אן פאסירן...

די אויגן האבן זיך שנעל אוועקגעדרייט... קיינער וויל נישט בייגעוואוינען אזא שרעקליכע סצענע... פארשידענע רעקציעס זענען געהערט געווארן אין די לופט... יענקל האט ארויסגעלאזט א טיפע קרעכצן, אין די צייט וואס משה'ס ציגערעטיל איז ארויסגעפאלן פון צווישן זיינע פינגער, מענדל האט פארלוינערהייט פרובירט צו דיילן הצלה'ס נאמבער... בעת ווען מיכל האט שוין געמורמלט 'ברוך דיין האמת'...

איינער איז אבער געווען וועלכער האט זיך נישט פארלוירן...

> אויסגעשטרעקט זיינע ברייטע ארעמעס... און דאס קליין קינד איז אריינגעפאלן גראד אין זיי...

משולם א הויכע אינגערמאן מיט ברייטע פלייצעס, ווי נאר זיינע אויגן האבן אבזעווירט דאס שרעקליכע געשעעניש האט ער א לויף געטון אינעם ריכטונג פונעם בנין... אויסגעשטרעקט זיינע ברייטע ארעמעס... און דאס קליין קינד איז אריינגעפאלן גראד אין זיי... און אזוי ארום פארמיטן דעם שרעקליכן טראגעדיע...

עס האט גענומען א מינוט ביז דער עולם האט געכאפט וואס דא האט פאסירט... די סירענעס פונעם אמבולאנס האבן זיך שוין געהערט פון די ווייטנס... אבער דאס קינד געפונט זיך אויפן ערד, גאנץ, געזונט און שטארק... ווען בלויז זיינע אויגן דרייען זיך נאך אין די לעבער פון גרויס שרעק, האלטנדיג נאך אינמיטן פארדייען וואס דא האט זיך אפגעשפילט...

## עס קומען שווערע צייטן

כשנכנסו רבותינו בכרם ביבנה... עס איז בלויז א קורצע תקופה נאכן שרעקליכן חורבן בית שני, ווען דאס פראכט פונעם אידישן פאלק איז אונטערגעגאנגען, אידישע קינדער האבן זיך נאך נישט ערהוילט פונעם שרעקליכן קלאפ, די רשעות'דיגע רומיים וועלכע באהערשן ארץ ישראל טיילן זיי אויס אן א שיעור צרות, פרישע גזירות ברוחניות ובגשמיות באטרעפט זיי יעדן טאג...

אין דעם פונסטערן תקופה האבן זיך די הייליגע חכמים געפונען אין יבנה, משם תצא תורה, דארט איז אויפגעשטעלט געווארן די ישיבות ווי די הייליגע תורה איז ווייטער איבערגעגעבן געווארן דורך די הייליגע תנאים, און דארטן אינעם כרם וואו די חכמים זענען זיך צאמגעקומען איז פארגעקומען דעם פאלגדן געשפרעך...

**עתידה תורה שתשתכח מישראל**... איז געהערט געווארן די שרעקליכע ווערטער פון די מויל פון די הייליגע חכמים. זיי זענען מיט זייער רוח הקודש אז די שרעקליכע חורבן וואס האט באטראפן כלל ישראל וועט זיך ליידער דערקייקלען ווייטער ביז איין טאג וועט רח"ל ארויפקומען א 'שכחת התורה'... און כלל ישראל וועט ליידער פארגעסן ווער זיי זענען...

**איינער איז אבער געווען וועלכער האט זיך נישט פארלוירן...**

## חס ושלום! איך נעם עס אויף מיר!

דער הייליגע תנא רבי שמעון בר יוחאי האט זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן: "**חַס וְשָׁלוֹם שֶׁתִּשְׁתַּכַּח תּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל!**" אזאנס וועט נישט פאסירן!, איי די הייליגע חכמים האבן דאך געברענגט א ראיה פון אפענע פסוקים? שטייט דאך אבער קלאר אן אנדערער פסוק: (דברים לא כא) "**כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ**".

וואס טוט זיך דא? די חכמים און רבי שמעון קריגן זיך ארום איבער די מציאות וואס וועט זיך אפשפילן בדור האחרון, איינער האלט אז עס גייט זיין אזוי, און דער צווייטער האלט אז עס גייט זיין אזוי?

דער תירוץ אויף די שאלה איז אנטפלעקט געווארן אויפן וואגן אויפן וועג פון ברסלב קיין אומאן, ה' אייר תק"ע, ווען אויף איר זיצט דער הייליגער רבי וועלכע מאכט יעצט זיין לעצטן וועג צום שטאט אומאן ווי ער איז דארט נסתלק געווארן, און ער אנפלעקט גילויים פאר זיין הייליגן תלמיד רבי נתן וועלכע זענען קיינמאל בעפאר נישט געהערט געווארן. צווישן זיינע ווערטער דעקט ער אויף א וואונדערליכע סופי תיבות אויפן פסוק "**כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ**" אז די סופי תיבות דערפון איז די אותיות '**יוחאי**'.

מיט דעם אויבערדערמאנטן משל וואס מיר האבן געברענגט ערקלערט ר' יעקב מאיר שעכטער שליט"א די טיפע כוונה פונעם הייליגן רבי'נס ווערטער, עס איז נישט בלויז א שיינע רמז אז די נאמען פון ר' שמעון בר יוחאי'ס טאטע איז מרומז אין דעם פסוק, נאר דא ליגט טאקע דער ענטפער אויף אונזער פריער געפרעגטע פראגע.

אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט דארט אין די תורה וועלכע איז געדרוקט אנפאנג ספה"ק ליקוטי מוהר"ן: "**וְזֶה שֶׁמְּרַמֵּז וּמְגַלֶּה הַפָּסוּק כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ, מִפִּי זַרְעוֹ דַּיְקָא הַיְנוּ מִפִּי זַרְעוֹ שֶׁל זֶה בְּעַצְמוֹ שֶׁהוּא מְרֻמָּז וְנִסְתָּר בְּזֶה הַפָּסוּק שֶׁהוּא הַתַּנָּא יוֹחַאי כִּי עַל יְדֵי זַרְעוֹ שֶׁל יוֹחַאי שֶׁמְּרֻמָּז בְּזֶה הַפָּסוּק בְּסוֹפֵי תֵּבוֹת כַּנַּ"ל שֶׁהוּא רשב"י עַל יָדוֹ לֹא תִשְׁתַּכַּח הַתּוֹרָה כִּי בְּזֹהַר יִפְקוּן בֵּהּ מִן גָּלוּתָא כַּנַּ"ל.**"

די הייליגע חכמים זענען געווען גערעכט! בפשטות וואלט די תורה טאקע געדארפט פארגעסן ווערן פון די אידן, עס איז טאקע אראפגעקומען דעם שרעקליכן חושך. אבער, רבי שמעון בר יוחאי איז צוגעלאפן אויסגעשטרעקט די האנט און פארמיטן דעם שרעקליכן טראגעדיע! דורך זיין הייליגע כח, דורך זיינע הייליגע גילויים, דורך דעם הייליגן זוהר, האבן מיר א תקווה אויף אין דעם דור וואס די שכחת התורה איז פאקטיש אראפגעקומען!

יו"ל ע"י ארגון לחיותנו, איגוד חבורות החסידים המקורבים לרביה"ק מוהר"ן מברסלב - בארצות אייראפע

חיות דקדושה
א ברסלב׳ע חבורה פול מיט לעבן



# ר׳ שמעון איז א וַואכֶעדִיגֶער...

״לכבוד התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי״ – יוסף זונדל האט אריינגעטאנצן אין ווייבער שול מיט א טאץ קוכן אין איין האנט און אין די צווייטע א פלעשל אראנזש זשוס. ווידער אמאל איז דינסטאג און ווידער ווייזט דער זייגער אויף פינף נאך ניין, ווידער קומט זיך די חבורה צאם ווען ווידער שטעלט יוסף זונדל טעימה מיט טאנצעדיגע טריט.

די רעכטע האנט פון אברהם משה האט זיך אויסגעצויגן, איבערגענומען דאס טעצל קוכן ווען מיט די לינקע האנט נעמט ער אראפ א פארציע פאר זיך ווענדענדיג זיך צו יוסף זונדל׳ן:

״איך האב באמערקט אז די טאנצט אלעמאל...״ א שטיל געלעכטער האט זיך געהערט פון ארום די טיש, נעמליך, מען דארף נישט זיין קיין גרויסע פיקח דאס צו באמערקן.

״איך האב אבער באמערקט נאך עפעס – זעצט משה אברהם פאר – אז ווען איך פרעג דיר פארוואס דו טאנצט האסטו אלעמאל א תירוץ, און נאך א גוטע תירוץ״.

יוסף זונדל׳ס שמייכל האט זיך אויסגעברייטערט: ״נו אוודאי א איד האט אלעמאל גענוג און נאך סיבות צו טאנצן!״

״נו איז פארוואס טאנצטו יעצט?״ מישט זיך יעקב זאב אריין.

״וואס הייסט פארוואס – שאקלט יוסף זונדל דעם פלאש אראנזש זשוס – עס קומט ל״ג בעומר! די שמחה פון ר׳ שמעון! די גרויסע חתונה! ר׳ שמעון!!! ווערט ער רויט – ר׳ שמממעון!!!״

״ר׳ שמעון, ר׳ שמעון... הערט זיך פנחס׳ס מורמלען, - וואס ר׳ שמעון? קענסט מיר פונקליך מסביר זיין וואס די שמחה איז דא? וואס טאנצט מען? וואס זינגט מען?״

״איך ווייס נישט פונקטליך, ר׳ שמעון, עס איז א שמחה... איז יוסף זונדל אביסל צעמישט.

## דער געטרייער רעטער

״לאמיר דיר מסביר זיין – נעמט משה דוד איבער דאס ווארט – עס איז געווען אמאל א קעניג, וואס צוליב דעם וואס זיין זון האט זיך שטארק פארזינדיגט קעגן אים האט ער אים פשוט פארטריבן. דאס קינד וויבאלד ער האט זיך געפונען ווייט פונעם טאטן, ווייט פונעם קעניגליכן פאלאץ, האט ער זיך פארגעסן ווער ער איז, פון וואנען ער קומט, און צו וואו ער גייט זיך נאך איין טאג צוריק קערן.

ער איז געפאלן נידריגער און נידריגער ביז ער איז שוין געווען אזא נידריגע עלעמענט אז ער האט פארשטאנען אז זיין פאטער וועט אים שוין זיכער נישט צוריקנעמען, זיינע אויגן וועלן מער נישט זען דעם טאטנ׳ס רייכטום און זיין זעהל וועט נישט געניסן דערפון. אויף אזוי ווייט אז ער האט שוין אפילו נישט געהאפט אהיים צו גיין.

דער טאטע דער קעניג פון זיין זייט איז געזיצן אין פיין, און געוויינטאגט אויף זיין דערווייטערט קינד. א נאנטער פונעם קעניג וועלכער האט צוגעזען דעם מלך׳ס ווייי, איז געווארן אנגעפילט מיט רחמנות אויף אים און אויף זיין זון. ער האט זיך געוואנדן צו דעם שמוציגן ארט, ווי דער בן מלך איז פארווארפן געווארן, און מיט מורא׳דיגע וואונדערליכע אופנים האט ער מרמז געווען פארן קינד, אים צו וויסן געטון ווי זיין טאטע ווארט און בענקט נאך אים – ווי גרויס איז די שמחה פונעם טאטן מיטן קינד מיט אט דעם מענטש.

**דאס איז די עבודה פונעם הייליגן תנא ר׳ שמעון!** – האט משה דוד אויסגעפירט.

״איך הער - רעאגירט פנחס פארטראכטערהייט – דאס איז אבער א גאנץ יאר, וואס געשעט דווקא אינעם טאג ל״ג בעומר?״

״נאמער – לייגט אברהם משה צו – מילא ווילאנג דער צדיק לעבט, פארשטיי איך אז מען פרייד זיך מיט אים, אבער יעצט? טויזענטער יארן נאך וואס ער איז אוועק? און נאכדערצו אין ׳דעם׳ טאג וואס ער איז נסתלק געווארן?״

א שטילקייט האט באהערשט דעם עזרת נשים...

## דייקא דורך די הסתלקות...

״דער תירוץ שטייט אין ליקוטי הלכות – הערט זיך דוד׳ס שטימע פונעם עק טיש – דער וועג ווי אזוי דער צדיק האמת פאררעכט און הייבט אויף אידישע קינדער איז דורך דעם וואס ער לאזט זיך אראפ צו זייער מדריגה. א זאך וואס ווערט פאררעכנט ביים צדיק ווי א בחינה פון א ׳שלאף׳, סיי דורך דעם וואס ער שמועסט מיט זיי שיחת חולין (עי׳ חיי מוהר״ן תקל״ג), סיי דורכ׳ן פארציילן מעשיות, און אפילו די הויכע תורות וואס ער זאגט, כפי דעם צדיק׳ס הויכע מדריגה ווערט עס אנגערופן ׳שלאפן׳, און **דורך דעם וואס דער צדיק שלאפט גייט ער אריין ביז די גאר נידריגע פלעצער און ער הייבט אויף פון דארט אלע ווייטע געפאלענע נשמות.**

יעדע מאל וואס דער צדיק ׳שלאפט׳ סיי אויף דער אויבערדערמאנטן אופן, און סיי ווען ער שלאפט כפשוטו (לקו״מ ל״ה), גייט ער ארויף העכער און העכער, און אזוי ארום קען ער זיך אראפלאזן נידריגער און נידריגער, אויף צו הייבן די גאר געפאלענע רח״ל.

דאס אלץ ביים שלאפן, וועלכע איז בלויז א זעכציג׳סטל פון טויט. ווען עס קומט אבער די צייט וואס ער ווערט באמת נפטר, דעמאלטס קומט ער אן צום ׳תכלית השלימות׳, ווי חז״ל זאגן ׳**גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהם**׳. דעמאלטס געשעט דער גרעסטער יחוד, און דורך דעם ווערן אויפגעהויבן אן א צאל נשמות; ׳**ווייל עס זענען פאראן אזעלכע נשמות וואס זענען נעבעך אזוי טיף אראפגעפאלן, אז זיי קענען נישט האבן קיין שום תיקון נאר דורכן צדיק, און דייקא דורך זיין הסתלקות**״ (ליקו״מ ס.).

״בך רבינו נגילה,
בך רבינו נשמחה״
די גאנצע חבורה
איז פארשוועמט
געווארן אינעם
ריקוד - ״אשרינו
מה טוב חלקינו
בהילולא דבר
יוחאי״...

דאס איז די גרויסע שמחה וואס מען פראוועט ל״ג בעומר, די טאג פון די הסתלקות פונעם הייליגן תנא ר׳ שמעון. **ווייל דייקא דורך זיין הסתלקות פאררעכט ער און קערט צוריק פיל אידישע נפשות צו זייער טאטן, אין א בחינה פון די שמחה וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען ווען אלע וועלן תשובה טון און פארראכטן ווערן, און ״אויפשטיין תחיית המתים.״**

נאאא – איך האב געוואוסט אז עס איז דא א סיבה צו טאנצן, איך האב נאר נישט געוואוסט פונקטליך וואס... – ״בך רבינו נגילה, בך רבינו נשמחה״ די גאנצע חבורה איז פארשוועמט געווארן אינעם ריקוד – ״אשרינו מה טוב חלקינו בהילולא דבר יוחאי״...

דוד האט זיך צופייערט און אנגעהויבן ליינען פון אינעווייניג:

**וְזֶהוּ בְּחִינַת עֹצֶם הַשִּׂמְחָה שֶׁל הִלּוּלָא רַבָּא דְּרַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי שֶׁעוֹשִׂין בְּלַ״ג בָּעֹמֶר שֶׁבַּיּוֹם הַזֶּה מַתְחִיל לְהִתְמַתֵּק הַדִּין הַנֶּאֱחָז בִּימֵי הַסְּפִירָה שֶׁהִיא בְּחִינַת שֵׁנָה וּמַתְחִיל לְהִתְנוֹצֵץ הַהֶאָרָה שֶׁל שָׁבוּעוֹת, שֶׁהוּא בְּחִינַת הִתְעוֹרְרוּת הַשֵּׁנָה, בְּחִינַת קַבָּלַת הַתּוֹרָה. וְאָז הַשִּׂמְחָה גְּדוֹלָה מְאֹד בְּחִינַת הַשִּׂמְחָה שֶׁלֶּעָתִיד שֶׁהוּא בְּחִינַת הַשִּׂמְחָה שֶׁל שָׁבוּעוֹת וְכַנַּ״ל, כִּי אֵין שִׂמְחָה לְפָנָיו יִתְבָּרֵךְ כְּמוֹ בְּעֵת שֶׁמַּחֲזִירִין אֵלָיו יִתְבָּרֵךְ נִדָּחִים דְּהַיְנוּ כְּשֶׁמַּחֲזִירִין בִּתְשׁוּבָה אֶת הָרְחוֹקִים מְאֹד לַה׳ יִתְבָּרַךְ. כִּי ה׳ יִתְבָּרַךְ חָפֵץ חֶסֶד הוּא וְהוּא צוֹפֶה לָרָשָׁע וְחָפֵץ בְּהִצָּדְקוֹ. וְכָל זְמַן שֶׁהָאָדָם רָחוֹק מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ בַּעֲוֹנוֹתָיו צַר לוֹ מְאֹד כִּבְיָכוֹל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: ״בְּכָל צָרָתָם לוֹ צָר״. וְעִקַּר הַצָּרָה הִיא צָרַת הַנֶּפֶשׁ שֶׁרְחוֹקָה מֵה׳ יִתְבָּרַךְ, כַּמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר, כִּי ה׳ יִתְבָּרַךְ חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת לְבַל יִדַּח מִמֶּנּוּ נִדָּח.**

**וְעַל כֵּן עַל יְדֵי שֶׁהַצַּדִּיק מַעֲלֶה וּמְתַקֵּן כַּמָּה נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל וּמַחֲזִירָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, עַל יְדֵי זֶה נִגְדֶּלֶת הַשִּׂמְחָה מְאֹד מְאֹד... כִּי זֶה עִקַּר שִׂמְחָתוֹ וּגְדֻלָּתוֹ וְתַעֲנוּגָיו וְשַׁעֲשׁוּעָיו שֶׁל הַמֶּלֶךְ יִתְבָּרַךְ כְּשֶׁמַּחֲזִירִים אֵלָיו הָרְחוֹקִים מִמֶּנּוּ, כְּמוֹ שֶׁאִיתָא בַּזֹּהַר (יִתְרוֹ סט.):׳ כַּד אָתֵי יִתְרוֹ וְאָמַר כִּי עַתָּה יָדַעְתִּי וְכוּ׳, כְּדֵין אִסְתַּלִּיק וְאִתְיַקַּר שְׁמָא דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עֵלָּא וְתַתָּא׳. וְזֶהוּ בְּחִינַת הַשִּׂמְחָה הַגְּדוֹלָה שֶׁל הִלּוּלָא דְּרַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי בְּיוֹם הִסְתַּלְּקוּתוֹ הַקָּדוֹשׁ בְּלַ״ג בָּעֹמֶר, שֶׁאָז עוֹלִין וְנִתְתַּקְּנִין וְחוֹזְרִין בִּתְשׁוּבָה כַּמָּה רְחוֹקִים, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים כַּנַּ״ל, שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִגְדֶּלֶת הַשִּׂמְחָה מְאֹד מְאֹד כַּנַּ״ל:**



# להחיות עם רב

תשועה ברוב יועץ
בדרך שאלה ותשובה

הרה"ח ר' שאול סירוטה שליט"א

## שאלה:

**דער גרויסער טאג ל"ג בעומר דערנענטערט זיך, די שמחה שפירט זיך שוין אין די לופט, אבער איך פיל מיר נישט אלץ א חלק פון דעם. וואס האב איך מיט ר' שמעון? ליידער בין איך נישט זוכה צו זיין פון די 'מחצדי חקלא' וואס זענען עוסק אין 'סתרי תורה', די פאר מאל וואס איך האב געזאגט אביסל זוהר מיט תיקונים האב איך נישט פארשטאנען קיין האלבע ווארט, וואס האב איך זיך צו פרייען אין דעם גרויסן טאג?**

## תשובה:

### דער גרעסטער רפואת הנפש

מיין טייערער פריינד וויסן זאלסטו אז ר' שמעון האט נישט נאר מגלה געווען 'סתרי תורה' פאר גרויסע מקובלים, דער הייליגע תנא האט גענומען אויף זיך א מיסיע וועלכע האט דירעקט שייכות מיט דיר, און דו האסט זיך וואס צו פרייען מיט דעם.

דער הייליגער רבי האט מגלה געווען (בלקו"מ ח"א סי' ל') אז די ארבעט פון די צדיקים, די רופאי הנפשות איז; 'דאס וואס זיי מוטשען זיך מיט זייער פיל רחמנות אנצוגרייטן פאר אונז כלים און צמצומים מיר זאלן זוכה זיין צו השגת אלקות'.

דער הייליגער רבי נתן איז מבאר, אז דאס מיינט 'די צדיקים פלאגן זיך מיט מסירות נפש אריינצושיינען אין אונז קליינע מענטשעלעך מיר זאלן פארמאגן די קלארע אמונה אז דער אויבערשטער איז מיט אונז, ביי אונז, און נעבן אונז, אין יעדן ארט וואו עס איז נאר. עס איז נישט פארהאן קיין שום אנדערע כח וואס געוועלטיגט אויף אונז, און פון יעדן פלאץ קענען מיר זיך דערנענטערן צום אים'.

די צדיקים פארעמען אויס כלים דאס אויסצולערנען אויך פאר אזא איינער וועלכער האט זיך פארשמירט און פאר'מיאוס'ט מיט זיינע פילע עבירות, וועלכע ברענגען אים אריין א כפירה, פארטונקלען אים די אויגן אפהאלטענדיג פון אים צו ווייטער האפן און בעטן, חלילה. דער היילונג פארלאנגט זיך פאר יעדעם און בפרט פאר די שווער קראנקע וועלכע דארפן גאר א גרויסן דאקטער וואס זאל זיי אריינשיינען דעם ידיעה, זיי אויפלעבן און צוריקקערן פון זייער ארט.

זאגט דער הייליגער רבי נתן: "ר' שמעון בן יוחאי האט זיך מוסר נפש געווען פארן לעצטן דור, אז די תורה זאל נישט פארגעסן ווערן זיי, און ער האט אנגעגרייט פאר זיי מיט זיין פיל גוטס די סתרי תורה וועלכע ער האט מגלה געווען. אט די פארבארגענע סודות זענען די כלים און צמצומים וועלכע אנפלעקן דעם אויבערשטן אין יעדן פלאץ, און דאס איז ווי געזאגט, די שורש פאר אלע רפואות הנפש אין סיי וועלכע שטאפל.

שרייבט ר' נתן קלאר ארויס: "כאטשיג מען הייבט נישט אן צו פארשטיין די אלע פארבארגענע סודות וואס ר' שמעון בר יוחאי האט מגלה געווען אינעם הייליגן זוהר הק', דאך איז דאס א גרויסע תיקון פאר אונזער נפש, ווייל דורך דעם האט ער אנגעגרייט די וואונדערליכע כלים און תיקונים פאר יעדן וואס וועט זיך ווילן פלאגן און זוכן דעם אויבערשטן, ער זאל גרינגערהייט משיג זיין השגות אלקות, דורך די וועגן, כלים, און תיקונים וואס ער האט אנטפלעקט.

דאס הייסט אז טראץ וואס די עצום גילוי פארשטייען מיר נישט, אבער וויבאלד ר' שמעון האט ממשיך געווען אויפן וועלט די כלים און צמצומים דורך די סתרי תורה, דאס האט גורם געווען אז מיר זאלן קענען טרעפן דעם אויבערשטן גרינגערהייט, און דאס איז אונזער האפענונג. פירט דארט ר' נתן אויס אז אלע וועגן פון די הייליגע צדיקים און צווישן זיין די עצות פונעם הייליגן רבי'ן, זענען נכלל אין דעם וואונדערליכן אנטפלעקונג.

אין דעם טאג וואס רשב"י גייט ארויף העבער און העבער, און עס ווערט פונדאסניי נתגלה די וואונדערליכע סודות בפלאי פלאות, ווערט נמשך פרישע כוחות פאר אונז. דאס איז די צייט זיך צו פרייען און דאנקען דעם אויבערשטן וואס האט אונז אראפגעלאזט אזעלכע וואונדערליכע רפואות הנפש, וואס נאר דורך דעם קענען מיר זיך דערהאלטן אין אונזער פונסטערן מציאות, און גלייבן אז עס נאכאלץ פארהאן א השגחה און א תקווה פאר אונז.

### לויט די התקשרות און אהבה

ר' אברהם בן ר' נחמן (בכוכבי אור, שיחות וסיפורים ל"ו) לייגט צו נאך א מורא'דיגע שטארקע נקודה אנבאלאנגט די גרויסע שמחה, "באמת וואלט יעדער איינער געדארפט אנקומען צו די מדריגה פון ר' שמעון בר יוחאי און משיג זיין וואס ער האט משיג געווען, אבער צוליב וואס גאר ווייניג קומען למעשה אן צו דעם, און ע"פ רוב איז מען ליידער גאר גאר ווייט פון דעם, דעריבער האט אונז דער אויבערשטער געגעבן א מורא'דיגע מצווה וואס דורך איר קען אפילו דער נידריגסטער שב'נידריגסטער זוכה זיין צו די מדריגות פון די גרעסטע צדיקים.

דאס איז די מצווה פון 'ובו תדבק!' וואס באדייט 'התקשרות לצדיק', און וויבאלד דער עיקר התקשרות איז דורך די אהבה (לקו"מ קל"ה) און אהבה ווערט נתעורר דורך שמחה, אז מען פריידט זיך מיטן צדיק און מען האט אים ליב, דעריבער אינעם טאג וועלכע רשב"י גייט ארויף צו א פרישע השגה און א העכערע מדריגה, וואס דאס איז אין זיין יומא דהילולא – דער טאג וואס ער האט חתונה מיט די תורה וואס ווערט אנגערופן כלה – **איז יעדער איינער וויפיל ער פריידט זיך און ער זיך מקשר אזוי איז ער אויך זוכה צו וואס רשב"י איז זוכה!!!**

דאס איז דאך מורא'דיג אין די וועלט! ווער עס פריידט זיך מיט ר' שמעון, דאס הייסט אז ער ברענגט אריין אין הארץ א פרייד און דאנק אויף דעם וואס עס איז פארהאן אזא צדיק וואס איז זיך מוסר נפש אריינצושיינען אין אונז 'השגות אלקות', ער פריידט זיך מיטן רופא נפשות וועלכע האט זיך איבערגעגעבן אז די תורה זאל נישט פארגעסן ווערן פון אונז, די עצם שמחה באהעפט אים און פארבינד אים צום דעם צדיק, הייליגט און דערהייבט דעם נידריגסטן איד צו די העכסטע מדריגות.

טאקע נישט יעדער פארשטייט די טיפע גילויים, אבער די רפואה דערגרייכט ביז אונזער טיפע נידריגע מצב. אזוי ווי ביי א חולה מסוכן וואס יעדער האט שוין אויפגעגעבן אויף אים, און פלוצלינג קומט אן א גרויסע דאקטער און ברענגט אים פלעשעלע מיט א וואונדערליכע מעדעצין וועלכע ברענגט אים צוריק צום לעבן. דער קראנקער הייבט נישט אן צו באגרייפן די וועגן פון היילן, די טיפע השגה פונעם גרויסן דאקטער און די צאמשטעל פונעם וואונדערליכן מעדעצין וואס ער האט אים געגעבן, אבער דאך האט דאס געראטעוועט זיין לעבן, פריידט ער זיך און האט ליב דעם גוטן דאקטער.

**נגיל ונשיש בצדיק זה ובכל צדיקי האמת כי היא רפואתנו ותקוות חיינו!**

# א פונק פון חיות

## רבינו אמר: "רבי שמעון ער איז א וַואכֶעדִיגֶער"

**כלומר שענינו הוא ערות והתעוררת וכמבואר במאמר 'לכו חזו' שרשב"י הוא בחינת "עיר וקדיש מן שמיא נחית" 'עיר דיקא:**

(שיש"ק א' ת"ר)




א ווארט אויף די פרשה

## הלשון הקדוש של הזוהר מעורר מאד לעבודת השם יתברך

**ידוע שלימוד הזוהר מסוגל מאד מאד, ודע שעל-ידי למוד הזוהר נעשה חשק לכל מיני לימודים של התורה הקדושה:**

והלשון הקדוש של הזוהר מעורר מאד לעבודת השם יתברך, דהיינו השבח שמשבח ומפאר את העובד ה' דהיינו הלשון הרגיל בזוהר לומר זכאה וכו' על כל מצוה ועבודה, ולהפך הצעקה שצועק וי וכו' וי לה וי לנשמתה על הסר מעבודת השם. אלו הלשונות מעוררים מאוד את האדם לעבודתו יתברך:

(שיחות הר"ן, ק"ח.)

# תחיית המתים אין מירון

מיר שטעלן אייך דאָ פאָר דעם באַקאַנטן געשעעניש וועלכע האָט פּאַסירט אין יאָר תרפ"ג אין מירון, און איז גאָר קראַנט באַשריבן געוואָרן אינעם טאָג-בוך פון הרה"ח ר' שמואל הורוויץ זצ"ל )ימי שמואל(, וועלכער איז געווען אַ מיטלעבנדער עדות צום גאַנצן פּאַסירונג און האָט דאָס אַראָפּגעשריבן - אינאיינעם מיט אַ שילדערונג פון די עבודה פון די ברסלב'ע חסידים אינעם דעמאָלס'דיגן ל"ג בעומר. עס זענען פאַרהאַן קליינע ענדערונגען אין באַצוג צו די וועלט-אָנגענומענע ווערסיע.

•••

## ראטעוועט...

ערב ל"ג בעומר תרפ"ג. ווי זייער יערליכער שטייגער האבן זיך די צפת'ער אידן ארויסגעלאזט קיין מירון; צווישן זיי האָט זיך אויך געפינען דער בחור'ל שמואל הורוויץ, וועלכער איז נאָרוואָס מקורב געוואָרן צו דעם ברסלב'ע דרך מיט'ן גאַנצן ברען.

אָנקומענדיג קיין מירון האָט ער זיך צוערשט משתטח געווען אויפ'ן הייליגן ציון, דערנאָך האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין אַ גרופּע ברסלב'ע חסידים וועלכע זענען אריבערגעגאַנגען צו איינע פון די דערנעבנדיגע בערג אונטער'ן שאָטן פון דיביימער צו לערנען אינאיינעם אַ שיעור אין הייליגן רבינ'ס ספרים. צווישן די אָנוועזנדע רעכנט ר' שמואל אויס עטליכע באַקאַנטע חסידים, אַ שטייגער ווי 'ר' אלטר בנציון קראסקאפּ', און די בחורים 'ישראל דוב אדעסער' און 'יעקב זאב בארזעסקי'.

יענע יאר איז ל"ג בעומר אויסגעפאַלן אין אַ פרייטאָג, אַזוי אַז אַ גרויסער עולם איז פאַרבליבן אויף שבת אין מירון. די ברסלב'ע חסידים האָבן מקבל שבת געווען ביים הייליגן ציון מיט גרויס התלהבות, און דערנאָך האָבן זיי געגעסן די שבת'דיגע סעודה אין היכל הציון. דאָס דאַווענען פון ר' ישראל דוב אדעסער האָט זיך פאַרצויגן ביז'ן ענדע פון די סעודה, און דאַן האָט ער זיך צוגעשטעלט צום חסיד'ישן רינג וואו מען האָט געטאַנצט צוזאַמען אַ לאַנגע צייט. פאַרטאָגס זענען זיי אויפגעשטאַנען, געדאַוונט און געגעסן די סעודה צוזאַמען, און אויף מיטאָג צייט האָבן זיי אויסגעזאָגט דעם גאַנצן תהלים.

אָבער נישט אויף לאַנג האָט זייער רואיגקייט אָנגעהאַלטן. פלוצלינג האָבן זיך געהערט שרעקליכע געשרייען פון ריכטונג פון חצר. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז אַ קליין מיידל האָט פאַרלוירן איר באַוואוסטזיין אַלס רעזולטאַט פון אַן אָנשטעקיגע קרענק ר"ל; די לאַגע האָט זיך פאַרערגערט פון מינוט צו מינוט און עס האָט אויסגעזען אַז אַ טראַגעדיע וועט אָט אָט צושטאַנד קומען...

די מאַמע פון קינד האָט אָנגעהויבן שרייען מיט יאָמערליכע קולות. דער דאָקטאָר – וועלכער האָט זיך דאָרט געפינען - האָט פאָרגעשטעלט זיין מיינונג אַז מען דאַרף פאַררופן אַ קאָראַנטין אָפּצושפּאַרן דעם גאַנצן אומגעגנט פונעם קבר, כדי צו פאַרזיכערן אַז די קרענק וועט זיך נישט פאַרשפּרייטן ווייטער ר"ל.

•••

## כאאס און פאניק

ווערטער קענען נישט באַשרייבן דעם כאַאָס וואָס איז ענטשטאַנען אויפ'ן אָרט. ווער עס האָט נאָר געהאַט די מעגליכקייט, האָט געכאַפּט הענט און פיס און אַנטלאָפן פאַר די טויערן פון חצר ווערן פאַרשלאָסן, אין די צייט וואָס קליינע קינדער און עלטערע לייט זענען פאַרבליבן פאַרריגלט אינעם חצר, נישט קענענדיג אַריין אָדער אַרויס.

די ברסלב'ע אידן האָבן דאַן געהאַלטן פונקט אינמיטן דאַווענען דעם שבת'דיגן מנחה ווען דער טומל האָט פּאַסירט. דער מצב איז געווען ספּעציעל פּראָבלעמאַטיש פאַר ר' יעקב זאב באַרזעסקי, וועלכער איז - אַלס כהן - אַנטלאָפן צום דרויסנדיגן חצר, ווילנדיג זיך באַהיטן פון טומאת מת ח"ו.

דאָס מיידעלע מיט איר מוטער האָבן זיך דאַן געפינען אין איינע פון די שטיבלעך אויפ'ן צווייטן שטאָק, ווען די געשרייען און געוויינען שטעלן זיך פאַר קיין סעקונדע נישט אָפּ. נאָכ'ן דאַווענען זענען די ברסלב'ע חסידים צוגעגאַנגען צו די ערשיטערטע מוטער און איר געראָטן צו נעמען דאָס קינד און איר אַראָפּשטעלן נעבן דעם הייליגן ציון, און דאָרט זאָל זי איינרייסן פאַר איר טאָכטער אַז זי זאָל צוריקקומען צום לעבן אין זכות פונעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי.

דאָס בעטל איז געלייגט געוואָרן נעבן די מצבה און אַלע אָנוועזנדע האָבן פאַרלאָזט דאָס אָרט. נאָר די מוטער איז געבליבן אַליין, ווען זי פאַרגיסט האַרצרייסנדע תפלות אַז זי זאָל זוכה זיין זיך צוריקצוקערן אַהיים מיט איר טאָכטער געזונט און שטאַרק אַזוי ווי זי האָט איר אַהערגעברענגט.

דאָס מיידל'ס צושטאַנד איז אָבער געבליבן אומפאַרענדערט, און אין אַלעמענ'ס הערצער האָט געצאַפּלט דער זאָרג אַז דאס ערגסטע האָט שוין פּאַסירט... ווען די גרופּע ברסלב'ע אידן האָבן געזען אַז די ישועה איז נאָכנישט געקומען, האָבן זיי אָנגעוויזן פאַר די מוטער אויך אַרויסצוגיין פונעם אָרט, און אַזוי איז דאָס לעבנסלאָזע קינד געבליבן אַליין אינעם גרויסן היכל.

•••

## די וואונדערליכע נס

עס איז נישט פאַרביי געגאַנגען מער ווי אַ פערטל שעה און פלוצלינג האָט זיך געהערט אַ וויינענדיגע שטימע פון אינעווייניג. דאָס מיידעלע האָט זיך ערוועקט און געבעטן מען זאָל איר געבן וואַסער צו טרינקען...

אַן אומבאַשרייבליכע פרייד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפ'ן גאַנצן חצר. דער אָפענער נס האָט נישט איבערגעלאָזט קיין טרוקן אויג. דער קאָראַנטין איז אויפ'ן אָרט אויפגעלעזט געוואָרן, און די מאַמע האָט גענומען איר טאָכטער וועלכע איז געווען כמעט פולשטענדיג אויסגעהיילט. "דער קידוש השם און דער וואונדערליכער כח פונעם צדיק האָט הילכיג אָפּגעקלינגען ביי אַלעמען," צייכנט ר' שמואל אָן אין זיין טאָג-בוך.

די ברסלב'ע חסידים האָבן זיך געזעצט עסן שלש סעודות. טראָצדעם וואָס זיי זענען געווען מיד און ערשעפּט נאָך אַזאַ אויפשטורעמנדע פּאַסירונג, האָט אָבער די שמחה זיי נישט געלאָזט רוען. עס איז געווען ר' שמואל הורוויץ וועלכער האָט זיך געוואָנדן צו ר' אלטר בנציון מיט אַ טענה: "נאָך אַזאַ נס זאָלן מיר נישט טאַנצן?" און די צוויי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ טאַנץ.

צוביסלעך האָבן זיך אַלע ברסלב'ע אידן אָנגעשלאָסן אינעם רינג, ווען דערנאָך זענען צוגעקומען די איבריגע אידן וועלכע האָבן געווײלט אין מירון. די טענץ האָבן זיך געצויגן פאַר עטליכע שטונדן נאָכאַנאַנד, ביז אין אַ שפּעטע נאַכט שעה האָט מען זיך אַראָפּגעזעצט בענטשן. די סעודת מלוה מלכה איז פאַרענדיגט געוואָרן שוין ביים זון אויפשיין, און אַזוי האָבן זיי זוכה געווען צו אַ ספּעציעל פרייליכע "ליל שימורים" אין זכות פונעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי.


